ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח׳ | **פרשת בהעלתך** | שנת תשע"א

**ויעש כן אהרן וכו' פרש"י להגיד שבחו של אהרן שלא שינה:**

דער הייליגער **חתם סופר** איז מסביר די ווערטער פון רש"י ז"ל, לויט די משנה אין מס' יומא (פ"ב מ"ד) אז ווען מ'האט געמאכט דעם גורל וועלכער כהן עס וועט זוכה זיין צו די קטרת, זענען נאר געקומען נייע כהנים וואס האבן נאך קיינמאל נישט געמאכט די קטרת, ווייל די סגולה פון קטרת איז אז עס מאכט רייך, ממילא האט מען געוואלט אז יעדער זאל האבן א געלעגנהייט זוכה זיין דערצו.

די גמרא זאגט (יומא דף י"ד) אז בשעת מ'האט מטיב געווען את הנרות האט מען מקטיר געווען די קטרת, קומט אויס אז דער כהן וואס האט מטיב געווען את הנרות האט נישט געקענט מאכן די קטרת.

אין מס' שבת (דף כ"ג ע"ב) זאגט די גמרא **הרגיל בנר הווין לי' בנים תלמידי חכמים**, אז מיטן שיין מאכן די לעכט איז מען זוכה צו קינדער תלמידי חכמים.

דאס זאגט דער פסוק **ויעש כן אהרן**, ער האט יעדן טאג געמאכט הטבת הנרות, אפילו ער האט פארפאסט דורכדעם אז ער האט נישט געקענט מאכן די קטרת און זוכה זיין צו עשירות, דאך איז אים מער ווערט געווען די הטבת הנרות, כדי ער זאל זוכה זיין צו קינדער תלמידי חכמים, און דאס איז זיין שבח, **שלא שינה** פון די הטבת הנרות צו עשית הקטורת.

*

**אנחנו טמאים לנפש אדם למה נגרע לבלתי הקריב את קרבן ה' במועדו בתוך בני ישראל:** לכאורה דארף מען פארשטיין וואס איז געווען זייער שאלה למה נגרע, בשעת ווען זיי אליין זאגן דעם תירוץ **אנחנו טמאים לנפש אדם**? ווי אויך וואס קומט זאגן די ווערטער **בתוך בני ישראל**?

ענטפערט דער הייליגער **דברי חיים** זי"ע אז עס זענען דא מצוות וואס נישט יעדער איד קען מקיים זיין, למשל, א ישראל קען נישט מקיים זיין די אלע מצות וואס זענען מיוחד פאר כהנים, און אזוי אויך פארקערט, נאר אזוי ווי גאנץ כלל ישראל ווערט באטראכט ווי איין גוף, ווערט באטראכט ווי יעדער איד איז מקיים אלע מצות, ווייל די מצוה פונעם יחיד גייט אויך פארן כלל.

די אידן וואסזענען געווען טמאים לנפש אדם האבן פארשטאנען אז זיי קענען נישט מאכן א קרבן פסח ווייל זיי זענען טמא, אבער עס האט זיי וויי געטון פארוואס זאלן זיי נישט זוכה זיין אינעם קרבן פסח מיטן כח פון כלל ישראל, אזוי ווי די מצות וואס גייען אן נאר ביי כהנים וכדומה.

דאס האבן זיי געפרעגט **למה נגרע לבלתי הקריב את קרבן ה' בתוך בני ישראל**, אפילו מיר קענען נישט אליין זוכה זיין זאלן מיר כאטש זוכה זיין **בתוך בני ישראל**, אויף דעם האט דער אייבערשטער געענטפערט אז זיי וועלן זוכה זיין אליין מיטן פסח שני, און א מצוה וואס זיי וועלן קענען אליין מקיים זיין איז מען נישט יוצא אויף אן אופן פון **בתוך בני ישראל**.

*

**וירץ הנער ויגד למשה ויאמר אלדד ומידד מתנבאים במחנה:** זאגט רש"י אז זיי האבן געזאגט אז **משה מת ויהושע מכניס את ישראל לארץ**. לכאורה ווי זעהט מען אין פסוק אז דאס איז געווען זייער נביאות?

זאגט דער **ליקוטי מהרי"ל** אז ביי די פרשה ווען בתי' בת פרעה האט ארויסגעצויגן משרע"ה פון טייך שטייט **ותקרא את שמו משה ותאמר כי מן המים משיתהו**, לכאורה פארוואס שטייט דער לשון **מן המים**, די תורה שרייבט דאך געווענליך די לשונות בקיצור וברמיזה, וואלט דא געקענט שטיין **ממים משיתהו**?

נאר עס קען זיין אז בתי' בת פרעה האט זוכה געווען צו השגת רוח הקודש, און זי האט מרגיש געווען אז משרע"ה וועט נישט אריינפירן די אידן קיין ארץ ישראל, נאר יהושע בן נון, און דאס ווארט **ממי"ם** איז ראשי תיבות **מ'שה מ'ת י'הושע מ'כניס**, ווענן דעם האט זי דוקא נישט געוואלט זאגן דאס ווארט, און זי האט געזאגט **מן המים**, כדי צו צוטיילן דאס ווארט.

דאס זאגט דא דער פסוק **אלדד ומידד מתנבאים במחנה**, במחנה איז ראשי תיבות **במה נ"ה**, אז מ'האט אויסגעמעקט די אותיות **נה** פון **מן המים** איז איבערגעבליבן נאר **ממים** וואס איז ר"ת **מ'שה מ'ת י'הושע מ'כניס**, און דאס האט רש"י מרגיש געווען אז דאס איז געווען זייער נבואה.

## ולא יהיה בבני ישראל נגף בפקוד אותם

עס איז אמאל געקומען א איד צום **קאזניצער מגיד זי"ע**, און דער מגיד האט אים געפרעגט וואס ער מאכט, האט דער איד געזאגט אז עס פעלט אים גארנישט, ער איז ב"ה געזונט, ער האט פרנסה בהרחבה, ער האט נחת פון די קינדער.

פרעגט אים דער מגיד "אויב אזוי פארוואס ביסטו געקומען צו מיר?", ענטפערט דער איד "טאקע צוליב דעם בין איך געקומען, אז דער רבי זאל מיך בענטשן אז איך זאל קיינמאל נישט דארפן אנקומען צום רבי'ן"...

טייטשט מיט דעם דער **אמרי נועם זי"ע** דעם פסוק **"ולא יהיה בבני ישראל נגף בגשת אל הקודש"**, אז מ'זאל קומען צום צדיק נישט ווייל עס פעלט עפעס אין בריאות, פרנסה וכדומה, נאר פארוואס דען? זאגט רש"י **"שלא יצטרכו לגשת אל הקודש"** נאר טאקע צוליב דעם אז מ'זאל בעטן א ברכה אז מ'זאל נישט דארפן קומען צום רבי'ן אז עס זאל אלעמאל זיין נאר גוט.

# אוצר הידיעות

## פסח שני

מיר לערנען די וואך אין די סדרה איבער די מענטשן וואס זענען געווען טמא און נישט געקענט מאכן דעם קרבן פסח, און פאר זיי האט דער רבש"ע געזאגט די פרשה פון **פסח שני**.

אין די גמרא אין מס' סוכה (דף כ"ה ע"א) רעדט די גמ' ארום וואס עס איז געווען מיט די מענטשן, פארוואס זענען זיי געווען טמא, **רבי יוסי** זאגט אז זיי האבן געטראגן דעם ארון פון יוסף הצדיק. **רבי עקיבא** זאגט אז דאס זענען געווען מישאל ואלצפן וואס האבן זיך מתעסק געווען מיט נדב ואביהו. **רבי יצחק** זאגט אז דאס זענען געווען מענטשן וואס זענען טמא געווארן צו א מת מצוה, און זייער זיבעטער טאג איז געווען שביעי של פסח.

דער ריטב"א וואונדערט זיך זייער אויף די קשיא פון די גמרא וואס פרעגט ווער די טמאי מת זענען געווען, עס זענען דאך דארט געווען שישים ריבוא מענטשן, און עס איז געווען נישט מער ווי נאטורליך אז עס זאלן כסדר זיין טמאי מתים פון אידן וואס ווערן כסדר נפטר.

דער **בן איש חי** זאגט א חידוש פארוואס מישאל ואלצפן האבן זיך נישט געקענט מטהר זיין ביז דעמאלטס, ווייל מ'האט זיי באערדיגט אינעם הר ההר וואו עס איז געווען באשטימט אז דארט וועט זיין דער מקום מנוחה פון אהרן הכהן בבא היום, און זיי האבן דאס געוואוסט עפ"י הדיבור, אדער עפ"י רוח הקודש פון משה רבינו. שרייבט ער דעם לשון "ויש נחת רוח לצדיקים בדבר זה שיהיו הבנים קבורים סמוכים לקבורת אביהם, וכן שמעתי מקודם כמה שנים שיש קבלה ביד העולם דנדב ואביהו נקברו בהר ההר סמוכים למערת אהרן הכהן".

לויט דעם זאגט ער איז דאס געווען די סיבה פארוואס מישאל ואלצפן האבן זיך נישט געקענט מטהר זיין, ווייל זענען געגאנגען א ווייטן וועג מיטן ארון ביזן הר ההר, און ווען זיי זענען צוריק געקומען צו די מחנה ישראל איז שוין נישט געווען גענוג טעג אז זיי זאלן זיך קענען מטהר זיין.

---

# מאוצר רבותינו

## בכל ביתי נאמן הוא

בשנה האחרונה קודם שנפטר **הרה"ק רבי אהרן הגדול מקארלין זי"ע** היה אצל רבו **המגיד הק' ממעזריטש זי"ע**, וקודם פסח נכנס אל המגיד הק' ולקח ברכת הפרידה קודם ששב לביתו, והמגיד ברכו לשלום.

אבל המגיד אמר לתלמידיו שיבקשו אצל **הרה"ק מקארלין** שלא יסע לביתו, והתלמידים עשו כדברו ובקשו ממנו שישאר עמהם אצל המגיד על ימי החג ולא יסע לביתו, אבל הוא אמר שהרבי כבר נפרד ממנו לשלום ואינו רוצה לשאר שם.

אחר כך חשב שיכנס עוד הפעם להפרד מהמגיד ויראה אם הוא יצוה לו להשאר שם, אבל המגיד שוב ברכו ונפרד ממנו לשלום ולא אמר לו כלום. התלמידים באו עוד הפעם ורצו לעכב אותו שלא יסע, אבל הוא אמר שחכמינו ז"ל אמרו דברי הרב ודברי התלמיד דברי מי שומעין, ונסע לביתו.

עברו איזה ימים ובחול המועד פסח נפטר לעולמו.

כששמעו התלמידים מפטירתו נכנסו להמגיד ושאלו אותו, אם הרבי ידע מהגזירה, למה לא עיכב אותו במפורש, ולמה לא אמר לו שישאר שמה.

ענה להם המגיד "מצינו בפר' בהעלתך שהשי"ת אמר על משה רבינו "בכל ביתי נאמן הוא", פירוש הדבר הוא שצדיקים הם נאמנים כלפי השי"ת, וכאשר מגלים להם סודות מן השמים, אין להם רשות לספר זאת לבני אדם, וממילא לא היה יכול לומר במפורש להרה"ק מקארלין זי"ע.

**תלמיד יקר!** הנך רואה שהתחלנו לערוך את הסיפור בלשון הקודש, תשתדל לקרוא את הסיפור ולהבינו כראוי, כדי להתרגל בקריאה

---

# יגעת ומצאת

שטייענדיג אין די וואכן פון נשא, בהעלתך, שלח, קרח, וואס ביי סאטמארע חסידים ליגט איינגעקריצט אין די ביינער די פלאם פייערדיגע "נשא תורה" וואס רבינו הק' זי"ע האט געזאגט יענע וואך, און די ווייטערדיגע נאכפאלגענדע וואכן ביי שלש סעודות, וואס יענע תורה איז איינע פון די גאר יסודות'דיגע תורות וואס דער רבי האט גערעדט בעניני אמונות ודיעות, די תורות האט דעמאלטס אויפגעלויכטן די אויגן פון אידישע קינדער אין די נסיונות וואס זענען דעמאלטס געווען, און ביזן היינטיגן טאג זענען זיי קילורין לעינים פון ערליכע אידן זיך מחזק זיין אין אלע שווערע נסיונות, וועלן מיר די וואך לערנען איבער דעם.

וואס איז געווען אין יענע תקופה? ווילאנג האט גענומען די מלחמה? וואס האבן די ציונים דעמאלטס איינגענומען? וואס איז דעמאלטס געשעהן ביי כלל ישראל? וואס האט דער רבי מבאר געווען ביי די הייליגע תורה? וואס פארא הייליגע זאך האט דער רבי דעמאלטס גע'אסר'ט? שרייב וויפיל טעמים דו ווייסט אויפן איסור? וועלכע ספר איז דעמאלטס ארויסגעקומען? וואס איז דער פשט פון דעם נאמען? קעגן וועלכע 'מצוות' איז דער רבי מוחה אין דעם ספר? וויפיל סימנים האט דער ספר? וויפיל דערפון האסטו שוין געלערנט?

❀ ❀ ❀

### תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' נשא

א. קוראים במדבר קודם שבועות כדי שלא יקראו פר' בחוקותי קודם שבועות, שהוא זמן ר"ה לפירות האילן, והתוכחה לא יגרום ח"ו קטרוג למעלה בעת המשפט, לכן מפסיקין עם פר' במדבר.

ב. ב' סיון נקרא יום המיוחס, כי ביום הזה אמר הקב"ה והייתם לי סגולה מכל העמים.

ג. בימי הספירה לומדים מסכת שבועות ומס' סוטה, זה מנהג ישראל מכיון שי"ל מ"ט דפים נגד מ"ט ימי הספירה.

ד. אין אומרים תחנון מר"ח סיון עד י"ג סיון, כי בזמן שביהמ"ק היה קיים היו יכולים להקריב קרבן חגיגה עד אחר י"ב סיון, שזה ז' ימים אחרי חג השבועות כמו בשאר שלש רגלים.

ה. בחומש בראשית מוזכר ר"ח סיון, שאז התחיל מי המבול לירד. ר"ח סיון בחומש שמות, ביום הזה באו מדבר סיני. ר"ח ניסן בחומש ויקרא, פרשת ויהי ביום השמיני. ר"ח אייר בחומש במדבר, אז הי' מנין בנ"י בריש הספר. ר"ח אב בחומש במדבר, פטירת אהרן הכהן. ר"ח שבט בחומש דברים, אז הואיל משה באר את התורה הזאת.

❀ ❀ ❀

### תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון שבועות

א. הבעש"ט הק' נולד ביום ח"י אלול תנ"ח לפ"ק. נפטר ו' סיון תק"כ לפ"ק.

ב. בנו הרה"ק רבי צבי ז"ל, בתו הצדיקת אדל ע"ה.

ג. מתלמידיו הגדולים היו: המגיד ממעזריטש, התולדות יעקב יוסף מפולנאה, רבי פנחס'ל קאריצער, רבי מיכל'ע זלאטשוב'ער, רבי מנחם נחום מטשערנאבל, רבי וואלף קיצעס, רבי מענדל'ע וויטעבסקער, רבי אברהם קאליסקער, זכותם יגן עלינו.

ד. מהענינים שתיקן הבעש"ט ונהוג אצלינו עד היום: התפילה בנוסח ספרד. אמירת הלל בלילי פסח, ותפילין דר"ת (דברי חיים). טבילה במקוה (מאור ושמש) הודו עש"ק (מאור עינים).

ה. בספה"ק ויואל משה כ' רביה"ק זי"ע שדרך הבעש"ט נשתכח לגמרי מדור הזה.

ו. ממלא מקומו של הבעש"ט היה תלמידו הגדול המגיד ממעזריטש זי"ע.

ז. מתלמידי המגיד שהפיצו החסידות: בפולין הרה"ק רבי ר' אלימלך מליזענסק. בווייס-רוסלאנד, בעל התניא בליטא, רבי אהרן הגדול מקארלין. בדייטשלאנד רבי ר' שמעלקא מניקעלסבורג. זי"ע.

ח. הרבי הראשון באונגארן היה הרה"ק רבי אייזיקל מקאלוב זי"ע.